**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/12/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול מעלדט $7.6 מיליאן געשאנקען צו חיות שעלטערס פאר פארבעסערונגען

***געלטער שטיצט בויעריי, איבערמאכונג, און פארברייטערונג פראיעקטן ביי ניו יארק חיות שעלטערס וואס פארבעסערן חיות קעיר און געזונטהייט***

***מער ווי $33 מיליאן געווידמעט פאר סטעיט'ס געזעלשאפט חיות קאפיטאל פאנד זינט 2017***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן אז כמעט $7.6 מיליאן וועט ווערן צוגעשטעלט צו 21 חיות שעלטערס און מענטשליכע געזעלשאפטן דורכאויס דעם סטעיט דורך די ניו יארק סטעיט חיות קאפיטאל פאנד, וועלכע האלט אצינד אין איר פיפטע רונדע. די געלטער וועט שטיצן בויעריי, איבערמאכונג, און פארברייטערונג פראיעקטן וועלכע וועלן פארבעסערן חיות קעיר און געזונטהייט און העלפן פארזיכערן אדאפציעס פאר ניו יארק'ס הונט און קעץ. אלץ די ערשטע אינעם לאנד צו צאלן פאר קאפיטאל פראיעקטן פאר חיות שעלטערס, טוט ניו יארק סטעיט פארזעצן אויפצווייזן איר געטריישאפט צו פארזיכערן זיכערע האויזינג און קעיר פאר גע'שעלטער'טע הונט און קעץ בשעת זיי ערווארטן אדאפציע.

"חיות שעלטערס און מענטשליכע געזעלשאפטן איבער ניו יארק שטעלן צו וויכטיגע קעיר פאר הונט און קעץ בשעת זיי ערווארטן זייערע נייע פאמיליעס און אייביגע היימען," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "ניו יארק'ס געזעלשאפטליכע חיות קאפיטאל פאנד טוט מאכן אן עכטע אינטערשייד פאר אונזערע שעלטערס און מענטשליכע געזעלשאפטן, און די חיות אין זייער קיער, העלפנדיג זיי מאכן קריטישע פארבעסערונגען פאר בעסערע קעיר פאר די חיות און צושטעלן גרעסערע הילף פאר די שטאב און וואלונטירן וואס געבן זיך אפ מיט זיי."

"זינט די גרינדונג פון די געזעלשאפטליכע חיות קאפיטאל פאנד פראגראם אין 2017, וועלכע ווערט פארפיגט דורך דער דעפארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס, האט די סטעיט געווידמעט איבער $33 מיליאן פאר'ן פראגראם, אריינגערעכנט געלטער צוגעזאגט אין דאס יאר'ס בודזשעט. די פיפטע רונדע פון געלטער געשאנקען בויעט אויף פריערדיגע איניציאטיוון צו ערזעצן די קאסטן פארבינדן מיט קאפיטאל פראיעקטן געפירט דורך ניו יארק סטעיט חיות שעלטערס, ווי איבערמאכן הונט קענעלס, פארבעסערן מעדיצינישע פאסיליטעטן, אדער בויען בעסערע שעלטערס צו פארמינערן אלגעמיינע אנפירן קאסטן. פראיעקטן באצאלט די יאר רעכענען אריין נייע וואוינערטער פאר מער קעץ, נייע מעדיצינישע פאסיליטעטן, און פארבעסערטע דרויסנדיגע ערטער, און שעלטער איבערמאכונגען אריינצונעמען מער קענעלס.

קאמפעטעטיוו גרענטס זענען געשאנקען געווארן צו שעלטערס באזירט אויף א געברויך אפשאצונג, דעטאלירטע פראיעקט שילדערונג, און נארמאלקייט פון קאסט. די פאלגנדע שעלטערס באקומען א גרענט אין די רונדע פונעם פראגראם:

**הויפטשטאט ראיאן**

- *אלבאני קאונטי שעריפ'ס אפיס* (אלבאני, אלבאני קאונטי): $500,000 צו שאפן אן אוקזילירי חיות שעלטער אין צוזאמענהענג מיט די מאוהאק האדסאן מענטשליכע געזעלשאפטן.
- *סיטי פון שענעקטעדי* (שענעקטעדי, שענעקטעדי קאונטי): $200,000 פאר פארבעסערטע גרעסערע קענעלס.

**New York City**

- *חיות קעיר און קאנטראל פון ניו יארק סיטי* (מאנהאטען, ניו יארק קאונטי): $143,175 צו אויסשטאפירן זייער נייע שעלטער סיסטעם מיט פארבעסערטע געצייג, אריינלייגן נייע קענעל דעקלעך, א נייע וואשער און טרוקענער, און ערזעצן א פארעלטערטע וואסער הייצער.
- *ברוקלין ברידזש חיות וואוילזיין קאַליציע* (ברוקלין הייטס, קינגס קאונטי): $164,719.67 פאר שעלטער פארברייטערונג, אויסשטעל פון קאץ אפטיילונגען געווידעמעט צו געזונטהייט און נאנטשאפט, אריינלייגן פענסטערס, און שאפן א פול-סערוויס מעדיצינישע אפטיילונג.

**מאוהאק וואלי**

- *חיות שעלטער פון סקאוהארי טאל* (האוס קעיוו, סקאוהארי קאונטי): $500,000 פאר איבערמאכן א מעדיצינישע אפטיילונג און איבערמאכן דעם דאך.

**דרום טייל ראיאן**

- *ברום קאונטי מענטשליכע געזעלשאפטן* (בינגהעמפטאן, ברום קאונטי): $110,879 צו פארבעסערן קאץ האויזינג און הונט קענעל אויסשטעל, און באקומען א דזשענערעיטאר און א באפיצונג שיסל.

**פינגער לעיקס**

- *פינגער לעיקס SPCA פון CNY* (אובורן, קייאגע קאונטי): $482,491.50 פאר א נייע פאסיליטעט אויסשטעל אריינגערעכנט HVAC סיסטעם.
- *H.S. פון ראטשעסטער (לאליפאפ)* (פעירפארט, מאנראו קאונטי): $500,000 פאר איבערמאכן די קענעלס, צו פארמערן חיות קאפאציטעט, און פארברייטערן די אפזונדערן אפטיילונג.
- *וועין קא. מענטשליכע געזעלשאפט* (ליאנס, וועין קאונטי): $500,000 פאר א נייע און פארבעסערטע שעלטער פאסיליטעט אריינגערעכנט נייע HVAC.
- *ווייאמינג קא.* (ווארשא, ווייאמינג קאונטי): $318,318 צו פארבעסערן פאסיליטעט אויסשטעל, פארבעסערן מעכאנישע געצייג, און צושטעלן דרויסנדיגע באריכערונג אפטיילונג.
- *וויאמינג קא. SPCA* (אטיקא, וויאמינג קאונטי): $62,825.89 פאר דאך ערזעצונג, פאררעכטן דרייוועי און פארקינג ארט, באקומען קאץ שטייגן און פארבעסערן רעקארד האלטן טעכנאלאגיע.

**האדסאן וואלי**

- *האדסאן וואלי SPCA* (פאמאנע, ראקלענד קאונטי): $200,000 צו פארבעסערן הונט קענעלס, ערזעצן קאץ האלטערס, און פארמערן חיות קאפאציטעט.

- *האדסאן וואלי חיות ראטעווען און סאנקטועררי* (פאוקיפסי, דאטשעס קאונטי): $398,495 צו פארמערן חיות קאפאציטעט אריינגערעכנט אפזונדערן אפטיילונג.

**צפון קאנטרי**

- *דזשעפערסאן קא. SPCA* (וואסערטאון, דזשעפארסען קאונטי): $200,000 צו פארגרעסערן שעלטער מאס און באקומען נייע HVAC סיסטעם.
- *פאטסדאם היומעין סאסייעטי* (פאטסדאם, סט. לאורענס קאונטי): $100,067 פאר האויזינג און ענווייראנמענטאל פארבעסערונגען, אריינגערעכנט פארבעסערונג צו וואשן צימער, שטייגן, הייצונג, און איבערמאכן פלארס.
- *לאויס קא. מענטשליכע געזעלשאפטן* (לאוויל, לאויס קאונטי): $500,00 פאר נייע HVAC סיסטעם, נייע וואשן געצייג, מאכן א קאץ אפזונדערן צימער, און צו פאררעכטן און פארבעסערן געשעדיגטע שעלטער סטרוקטורס.

**לאנג איילענד**

- *טאון פון אויסטער בעי* (אויסטער בעי, נאסאו קאונטי)- $200,000 פאר שעלטער איבערמאכונג און נייע HVAC סיסטעם.
- *טאון פון צפון העמפסטעד* (מאנהאסעט, נאסאו קאונטי) - $200,000 פאר נייע HVAC סיסטעם.
- *אדא האוו קענט מעמאריעל שעלטער* (קאלווערטאן, סאפאלק קאונטי): $200,000 פאר נייע שעלטער פאסיליטעט מיט אפזונדערן אפטיילונג, אריינגערעכנט נייע קענעלס פאר הונט און קעץ.
- *פיאנירן פאר חיות וואוילזיין סאסייעטי* (היקסוויל, נאסאו קאונטי): $200,000 פאר דאון פעימענט פון נייע פאסיליטעט.

**מערב ניו יארק**

- *ערי קאונטי SPCA* (צפון סענעקא, ערי קאונטי): $200,000 צו פארבעסערן קענעלס און דרויסנדיגע איבונגען אפטיילונג, איבערמאכן קאץ ערהוילונג און נורסערי אפטיילונג, באקומען נייע HVAC סיסטעם און זיכערהייט סיסטעם.

**ניו יארק סטעיט אגריקולטור קאמיסיאנער ריטשארד באל זאגט,** "חיות שעלטערס שטעלן צו אזוי פיל מער ווי סתם א שעלטער; פון צושטעלן וויכטיגע מעדיקעל קעיר צו טעגליכע בארייכערונג אקטיוויטעטן, די שווער-ארבעטנדע שטאב ביי היומעין סאסייעטיס, שעלטערס, און SPCAs פון איבער די סטעיט ארבעטן איבערמידליך צוזושטעלן די בעסטער קעיר פאר הונט און קעץ בשעת זייווארטן צו ווערן אדאפטירט צו זייער אייביגע פאמיליעס. איבער די לעצטע פאר יאר, האבן מיר געזען די געלטער פון די קאמפעניאן חיות קאפיטאל פאנד גיין צו קריטישע פארבעסערונגען און פראיעקטן וואס מיינט בעסערע קעיר פאר ניו יארק'ס חיות. מיר זענען שטאלץ צו מעלדן די לעצטיגע רונדע, וועלכע וועט בויען אויף די ערפאלגן וואס מיר האבן געזען ביז יעצט."

**הויפט אנפירער פון די ניו יארק חיות באשיצער פעדעראציע ליבי פאוסט זאגט,** "די מיטגלידער פון די ניו יארק סטעיט באשיצער פעדעראציע זענען אזוי דאנקבאר צום גאווערנער און די געזעצן פאר מאכן די געלטער א רעאליטעט. מיר האבן געזען די דירעקטע רעזולטאטן פון די געלטער ביי שעלטערס דורכאויס דעם סטעיט. נייע געביידעס, נייע לופט הענדלינג סיסטעמס, נייע קענעלס און קאץ קאנדאוס, נייע אינפראסטרוקטור וואס האלט היימלאזע געזעלשאפט חיות געזונט כדי זיי זאלן זיין גרייט פאר אדאפציע.

צוליב די פארמערטע אויפמערקזאמקייט געגעבן צו חיות פארברעכן דורך געזעץ איינפירער ווי אויך די אפעקטן פון קאוויד, ארויסווארפונגען און די עקאנאמיע, טוען מער חיות קומען אין אונזערע שעלטערס. דאס האט געלייגט א דרוק אויף די שעלטערס אבער מיט די קאפיטאל פאנדינג וועלן פילע קענען פארבעסערן און פארברייטערן נאכצוקומען די אנגייענדע שוועריגקייטן."

**סטעיט סענעטאר מישעלע הינטשי האט געזאגט,** "אונזער לאקאלע חיות שעלטערס טוען אלעס צוצושטעלן א זיכערע פלאץ פאר די חיות אין זייער קעיר, און דאך פילע איבער אונזער סטעיט זענען אין ערנסטע געברויך פאר קאפיטאל געלטער צו פארברייטערן און פארבעסערן זייער פאסיליטעטן. די קאמפעניאן חיות קאפיטאל פאנד איז טעטיג אין העלפן חיות שעלטער מאכן די פילע-געברויכטע פארבעסערונגען, און איך בין געווען שטאלץ צו קעמפן פאר עס אין דעם סטעיט בודזשעט. איך דאנק גאווערנער האקול פאר מאכן די לעצטע רונדע פון גרענט געלטער אוועילעבל כדי די חיות שעלטערס דורכאויס ניו יארק סטעיט זאלן קענען פארזעצן צו האלטן חיות צופרידן און געזונט בשעת זיי ערווארטן אדאפציע."

**אסעמבלימיטגליד דאננא לאפארדאו האט געזאגט,** "די קאמפעניאן חיות קאפיטאל פאנד מאכט לעבן גרינגער פאר אונזערע שעלטער חיות און די וואס געבן אכטונג אויף זיי. די פראיעקטן געצאלט דאס יאר וועלן פארבעסערן און פארברייטערן פאסילטעטן צו פארבעסערן דאס געזונט און וואוילזיין פון חיות בשעת זיי ערווארטן זייער אייביגע היימען. איך בין זייער צופרידן צו זען אז מיין אייגענע לאקאלע שעלטער אין ברום קאונטי איז געווארן געשאנקען געלטער צו פארברייטערן זייער ארבעט און צושטעלן א געזונטע פלאץ פאר געזעלשאפטליכע חיות און אן אויפנאמנדע סביבה פאר צוקונפטיגע אדאפטירער."

לויט די ניו יארק סטעיט חיות באשיצער פעדעראציע, ווערן מער ווי 150,000 חיות יערליך געברענגט צו נאן-פראפיט און מוניציפיליטעט-אנגעפירטע שעלטערס און היומעין סאסייעטיס. דער ניו יארק סטעיט קאמפעניאן חיות קאפיטאל פאנד וועט העלפן די ארגאניזאציעס פארזעצן צוצושעלן שעלטערינג סערוויסעס צו לאקאלע געמיינדעס, פארבעסערן קעיר פאר די חיות, און פארשנעלערן מער אדאפציעס.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418